# "בלי קדיש"

או

# "דער לעבעדיקער יתום"

ווען איך הויב זיך אָן גריבלען אין מיין מוח און דערמאָן זיך פון די יונגע קינדערשע יאָרן, קומט אַרויף אין מיין זכרון אַ מיש־מאַש פון איינדרוקן און שטריכן ניט פאַרענדיקטע, האַלבע געשטאַלטן און פאַרנעפלטע בילדער. נאָר צווישן זיי געפינען איך אויך אייניקע געשטאלטן אויסדריקלעכע, בילדער גאַנצע און פולקאָמע, וועלכע זיינען טיף און דייטלעך איינגעקריצט אין מיין זכרון אויף אייביק...

עס געדענקט זיך מיר יענע ווינטערדיקע נאַכט, אַ נאַכט אַ לאַנגע, אַ קאַלטע, אַ פינסטערע; אין שלאָף דערהער איך אַ געוויין. איך כאַפ זיך אויף: די מאַמע וויינט ביטער און ברעכט מיט די הענט... דער טאַטע שטייט אַ האַלב־נאַקעטער, מיט דעם גרויסן טלית־קטן, זיין צורה אויף טויט אַ דערשראָקענע, און אין צימער דרייען זיך אַרום דריי אומבאַקאַנטע יונגע מענטשן, אָנגעטאָן אין מיליטערישע קליידער. זיי זוכן אין די שאַפעס, אין די בעטן, זיי באַטראַכטן די ווענט, דעם דיל, איך זע: זיי גייען־צו צום ספרים־שאַנק און הויבן אָן זיי איינציקווייז איבערצובלעטערן. מיין קליינער קינדערשער שכל - איך בין דאַן אַלט געווען זיבן יאָר - באַגרייפט ניט: וועמען זוכן זיי? וואָס זוכן זיי? וואָס דאַרפן זיי? צי דען וועלן זיי זיך זעצן לערנען אין די ספרים?... איך זע, זיי האָבן געפונען אייניקע שטיקלעך אָנגעשריבענע פאַפיר - צוגענומען, געפונען אַ קאַרטע, "דעם רבי'נס בילד", און איינער פון זיי, לויט זיין אויסזען אַ איד, ווייזט־אָן די איבעריקע: איר זעט "שניאורסאָן" - צוגענומען.

דערנאָך האָבן זיי באַפוילן דעם טאַטן זיך אָנצוטאָן און גיין מיט זיי. דער טאַטע איז צוגעגאַנגען צו מיין קליינע בעטעלע, איינגעבויגן זיך צו מיר, אַ קוש געגעבן - אַ שטאַרקן, פיינליכן קוש... און אַ פּאָר גרויסע טרערן, וואַרעמע, הייסע, זודיקע ווי בלוט האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט פון זיינע שוואַרצע, טיפע אויגן אויף מיין שטערן. דערנאָך האָט ער אַ קוק געגעבן אויף דער מאַמען מיט אַ פּאָר פייערדיקע אויגן, פאַרלאָפענע מיט בלוט; אַ קוש געטאָן די מזוזה, אויפגעעפנט די טיר און פאַרשוואונדן געוואָרן אין דער

אומענדלעכער פינסטערער נאַכט.

ערשט דאָ האָב איך מיט מיין קינדערשן שכל פאַרשטאַנען די גרויזאַמקייט פון דעם אומגליק וואָס איז אונז געשען. ווען די טיר האָט זיך פאַרמאַכט האָט די מוטער אויסגעבראָכן אין אַ וויי־געשריי, רייסן זיך די האָר פון קאָפּ, אויסטערליש - יאָמערלעך וויינען, ביז זי האָט אַוועקגעחלש'ט. - עס זיינען אַריינגעלאָפן די שכנים און אָנגעהויבן זי מינטערן, ברענגען זי צום באַוואוסטזיין און זי טרייסטן...

ווען ס'איז געוואָרן ליכטיק, טאָג, האָט זי אַרויפגעוואָרפן אויף זיך אַ גרויסע טוך און אַוועקגעלאָפן אין גאַס, געקומען איז זי שפעט אין דער נאַכט אַ מידע, אַ צעבראָכענע, אַ צעווייטיקטע, מיך אָנגעהאָדעוועט, און אַליין זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן בעט.

איך האָב געהערט ווי זי האָט דערציילט די שכנים, אַז די זעלביקע נאַכט האָט מען "צוגענומען" נאָך פופציק יונגע־לייט און עטלעכע בחורים - אַלץ פון די פרומע, מיין פאָטערס חברים און תלמידים. דאָס איז שוין געוואָרן אַ "צרת רבים", און דאָך לינדערט עס אינגאַנצן ניט מיין מוטערס אומגליק און בראָך.

און אַזוי טאָג איין טאָג אויס, פלעגט זי שפעטער גאַנצע טעג אַרומלויפן אין די גאַסן, קלאַפּן אומעטום די טירן, בעטן טענה'ן וויינען... און איך פלעג בלייבן איינער אַליין אין שטוב, פאַר'יתום'ט, עלענט, איינזאַם. די שכנים פלעגן אויס רחמנות אַריינגיין אין שטוב אָנהייצן דעם אויוון, אָנוואַרעמען און ברענגען מיר וואָס צו עסן. איך פלעג זיצן גאַנצע טעג און אַרויסקוקן אין פענסטער: פיליכט גייט די מאַמע, פיליכט גייט דער טאַטע? דאָס קינדערשע הערצעלע פלעגט מיך פאַרקוועטשן און נאָגן, די טרערן - וועלכע איך פלעג זיך איינהאַלטן - פלעגן זיך מיר שטעלן אין האַלדז... איך האָב געפילט ווי עפּעס אַ גזל'נישע האַנט האָט אומ'ברחמנות'דיק צוגענומען ביי מיר דאָס שענסטע און בעסטע אין לעבן; מערדעריש צוגערויבט ביי מיר מיין קינדערשן שמייכל, מיין לוסטיגקייט, מיין פריילעכקייט. איך געדענק: ערשט גאָר ניט לאַנג פלעגט דער טאַטע, גאַנצע שעה'ן אין טאָג, מיט מיר שפּילן און זינגען, פאַרברענגען און ריידן; ער פלעגט זיצן און קוקן אויף מיר פאַר אַ צייט מיט זיינע פאַר'חלומ'טע, פאַרטרוימטע אויגן, פול מיט ליבע, און פלוצים אַרויסשיסן מיט זיין הילכיקן געלעכטער, צולויפן צו מיר, מיך אַרומנעמען און קושן, קושן אָן אַן אויפהער...

 הודפס מאתר אוצר החכמה

ער פלעגט שטענדיק מיר דערציילן מעשיות, עפעס אַזוינע הערלעכע אויסערגעוויינלעך־שיינע, מעשיות פון חומש, פון תנ"ך, פון גמרא, און איך האָב אַלץ נייגעריק געשלונגען, אַריינגעזאַפּט אין זיך דאָרשטיק, ווי אַ יונגע, פרישע בלום דעם פרימאָרגן טוי... איך האָב שוין געלערנט חומש, אויך אַ פסוק רש"י, און ער פלעגט מיר דערביי צוריידן עפעס אַזעלכע הויכע, אומפאַרשטענדליכע רייד וועגן ג־ט, וועגן אידן, וועגן דער תורה.

די מאַמע, וועלכע פלעגט זיצן פון ווייטן און זיך צוהערן, האָט זיך ניט איינמאָל אַריינגעמישט: "געוואַלד, שמואל, זאָג מיר וואָס טוסטו? מיט אַזאַ ברעקל עופה'לע ווי אונזער שלום'קע זאָל געזונט זיין, רעדסטו אַזעלכע זאַכן? זיין שכל איז דאָך נאָך שוואַך, ער קען דאָס ניט באַגרייפן, ניט פאַרנעמען!"

"אַי, דו ביזט גאָר אַ אידענע" - פלעגט דער טאַטע ענטפערן - "ווען איך וואָלט געקענט, וואָלט איך אים אַריינגעשפריצט אַלץ מיט אַ מאָל... מ'קען ניט וויסן וואָס די צייט וועט געבן, מ'קען ניט וויסן וואָס מאָרגן וועט זיין..."

און איך אַליין? איך פלעג הערן אַלץ וואָס דער טאַטע רעדט מיט גרויסע, קינדערישע אויגן, מיט אַן אָפן מויל, און מיר האָט זיך דאַן אויסגעדוכט אַז איך הויב זיך אויף אין דער הויך, אונטער די הימלען, עפעס אין אַן אַנדער וועלט, און איך באַגרייף אַלץ און איך פיל אַלץ...

*    *    *

איך געדענק מיין טאַטן זייער גוט: אַ פּאָר טיפע, אומעטיקע אויגן; פון מיטעלער הויך; אין די יאָרן אַרום פערציק, מיט אַ ברייטלעך־שוואַרצער באָרד, קליינע פּאות'לעך פאַרלייגט אַהינטער די אויערן, אין וועלכע ס'האָבן זיך אַדורכגעוואָרפן אייניקע זילבערנע האָר. ווי איך געדענק אים, איז ער דאַן געווען אַ אַרבעטער, אַ "קאַלאָשניק": ער פלעגט פאַרריכטן און "פאַרגיסן" אַלטע קאַלאָשן.

ווי מ'האָט מיר שפּעטער דערציילט, איז ער פון באַרוף, לויט זיין פּראָפעסיע געווען אַ ראָוו, ד.ה. מיט אייניקע יאָרן צוריק איז ער געווען אַ ראָוו, אין אַ פּראָווינציעלער שטאָט, נאָר איבער די לעצטע אומשטענדן... איז ער געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזן זיין אַמט, זיין פּראָפעסיע, און בכדי פון זיך אַראָפּצוואַשן און אינגאַנצן אויסצומעקן אַלע שפורן פון זיין פריערדיקן

לעבן ווי אַ ראָוו, האָט ער פאַרלאָזן דאָס שטעטל און אַריבערגעפאָרן אין אַ גרעסערע, צענטראַלע שטאָט. עס איז אים געלונגען צו קריגן אַ וואוינונג אין איינע פון די שטאָט־ברעגן, די וואוינונג איז געווען אַ האַלבער קעלער, אַ האַלבער קבר... פון די ווענט האָט שטענדיק גערונען, ווינטער און זומער, ווי זיי וואָלטן געוויינט און געקלאָגט אויף אונזער ביטערן, אָרעמען לעבן. דערווייַלע, אויף דער גיך האָט זיך דער טאַטע אויסגעלערנט די "קונסט" פון פאַרגיסן קאַלאָשן. גענומען אַ דערלויבעניש, און אויפגעהאָנגען אויף דעם טויער צום גאַס אַ שילד, אויסגעמאָלט אַ קאַלאָש און אונטערגעשריבן דעם נומער פון אונזער וואוינונג. דאָס איז געווען פאַר אונז אַ "פאַנצער", אַ פייגן־בלאַט, אַ פאַרדעקונג און פאַרשטעלונג קעגן אַלע בייזע און ניט־גוטע אויגן...

אַז עס פלעגן אַריינגיין צו אונז קונים, מיט באַשטעלונגען צו פאַרריכטן זייערע קאַלאָשן - פלעג איך דאַן באַמערקן אויף דעם טאַטנס פנים אַן אומצופרידנקייט. איך האָב ניט קלאָר פאַרשטאַנען פאַרוואָס: צי ווייל ער האָט די אַרבעט ניט גוט געקענט, צי אפשר ווייל אים האָט פאַרדראָסן וואָס ער דאַרף פאַרנעמען די צייט אויף גאָרנישט; ער וואָלט בעסער די צייט אויסגענוצט פאַר זיך: לערנען... אַמאָל - גערעדנק איך - איז אַריינגעקומען אַ יונגער אידישער בחור'ל, מיט אַ געשריי: ס'טייטש, איר האָט נעכטן פאַררעכט מיינע קאַלאָשן און היינט איז שוין אָפגעפאַלן די לאַטקע. דער טאַטע האָט זיך געפורווט פאַרענטפערן: די וואוינונג איז אַ נאַסע, דעריבער האַלט ניט די קליי, און ווייטער - זאָגט דער טאַטע - "האָט קיין פאַריבל ניט, איך קער אייך אום אייער געלט צוריק". "ניין", זאָגט יענער, "אויב איר זייט ניט קיין אַרבעטער, איר זייט אַ מלמד, אַ בטלן, טאָ נעמט זיך ניט פאַר אַ זאַך וואָס איר קענט ניט", און איז אַרויס פון שטוב מיט אַ ברוגז. דער טאַטע איז געוואָרן בלייך... איצט פאַרשטיי איך, אַז דעם טאַטן האָט געווייטיקט, ניט דאָס וואָס יענער האָט אים באַליידיקט אַז ער איז ניט קיין אַרבעטער, נאָר ער האָט זיך דערשראָקן צי איז ניט באַוואוסט געוואָרן זיין פאַרגאַנגענהייט.

איך געדענק אַמאָל: דער טאַטע איז ניט געווען אין שטוב. עס לויפט אַריין אַ יונגע ווייבל מיט אַ קאָרזינקע, נעמט אַרויס פון קאָרזינקע אַ געקוילעטע הון, און ווענדט זיך צו מיין מאַמען: "כאַשע! דער רב איז ניטאָ, איך האָב דאָך געוואָלט פרעגן אַ שאלה". די מאַמע האָט זיך זייער אויפגערעגט: "געוואַלד,

 הודפס מאתר אוצר החכמה

גזלנים" - האָט זיך צעשריגן די מאַמע - "פאַרוואָס האָט איר קיין רחמנות ניט? מ'האָט דאָך אייך טויזנט מאָל געזאָגט: דאָ איז ניטאָ קיין רב! וואָס פאַראַ רב! וועלכער רב?" - "גוט, כאַשע, זייט ניט ברוגז. איך האָב זיך פאַרגעסן. מיר זיינען דאָך אייגענע מענטשן, און דאָ איז דאָך קיינער ניטאָ".

איך האָב דאָס אויך ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס איז די מאַמע געוואָרן ברוגז, ניט שוין זשע איז אַ רב נאָך אַ מיאוס'ערע פראָפעסיע ווי אַ קאַלאָשניק?...

פאַראַן נאָך עפּיזאָדן, וועלכע זיינען ביי מיר פאַרבליבן אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם טאַטנס לעבן. דאָס זיינען אַפילו קלייניקייטן, נאָר זיי דערגאַנצן פאַר מיר דעם בילד און געשטאַלט פון טאַטן.

איך געדענק, ווי אין די ווינטערדיקע אָוונטן פלעגט דער טאַטע יעדן טאָג, אין דער זעלבער צייט, אַוועקגיין פון שטוב, פאַרשווינדן אויף עטלעכע שעה, און ער פלעגט צוריקקומען אַ פאַרמאַטערטער, אָבער אַ פריילעכער און לוסטיקער, מיט אַ געהויבענער שטימונג.

* * *

נאָך פיל געבעטן פון מיין זייט האָט ער מיך איינמאָל מיטגענומען מיט זיך. מיר זיינען געפאָרן מיטן טראַמוויי, דערנאָך געגאַנגען אַ שטיק צייט צופוס, דורך הינטער־געסלעך. מיר זיינען צוגעקומען צו אַ הויף, פילשטאָקיק הויז, אַדורכגעגאַנגען אַ לאַנגן, שמוציקן הויף מיט דריי טויערן, גענומען קלעטערן אויף די טרעפּ, דורך דעם שוואַרצן אַריינגאַנג, הויך, הויך אַזש ביז דעם פינפטן שטאָק. מיר זיינען סוף־כל־סוף אַריינגעפאַלן אין אַ ברייטלעכן צימער, שלעכט באַלויכטן, אָן קיין שום קאָמפאָרט. אין מיטן צימער איז געשטאַנען אַ גרויסער טיש, ניט קיין פאַרדעקטער; אַרום טיש - איינפאַכע, ווייסע בענקלעך אָנשטאָט שטולן. אויף די בעטן - אָנגעוואָרפן צעריסענע קישנס, אין וועלכע עס האָבן זיך געשפּילט ביי אַ האַלבער טוץ יונגוואַרג און געשלעפט די פעדערן...

איך האָב דאָרט אין צימער געפונען ביי אַ דריי מנינים יונגע מענטשן, אַ סך פון זיי נאָך גאָר יונגע בחורים, אָן קיין חתימת־זקן. כמעט אַלע, אויסשליסלעך, זיינען געווען ווי פון איין אויסזען: פאות'לעך קליינע, אויגן - בלאָנדזשעדיקע, לויפנדיקע, ווי דערשראָקענע; די פנים'ער בלאַסע אָדער געל־פאַרמעטנע. צווישן זיך זיינען זיי געווען זייער פריינטלעך, ברידערלעך פאַרבונדן און ענג

פאַרקניפּט ווי איין משפּחה. ווען זיי האָבן מיך דערזען, זיינען זיי אַלע מיט פרייד צוגעלאָפן צו מיר: "אַי, שלומ'קע איז געקומען!" יעדערער שלעפּט מיך צו זיך; ווער ס'גיט מיר אַ קניפ פאַרן באַק, און ווער ס'גיט מיר אַ קוש: "אַהאַ, שלומ'קע איז אַ גוטער אינגל" - שרייט אויס איינער - "דער טאַטע זאָגט אַז שלומ'קע האָט אַ גוטע קאָפּ און לערנעט פלייסיק". "נישקשה, שלומ'קע" - כאַפּט־אונטער אַ צווייטער - "פאַל ניט אַראָפּ ביי זיך, ביז דו וועסט אויסוואַקסן, וועט נאָך ווערן אַ וועלט ווי דער סדר איז". איך האָב ניט באַגריפן, וואָס זיי ווילן פון מיר: וואָס פאַראַ וועלט דאַרף דאָ ווערן? דערווייל האָבן זיך אַלע צעזעצט אַרום דעם טיש, אַרויסגענומען ספרים און אָנגעהויבן לערנען. חסידות האָט דאָס געהייסן די לערע - אַזוי האָב איך זיך דערנאָך דערוואוסט. מיין פאָטער האָט מיט זיי געלערנט. זיי האָבן געפרעגט און ער האָט געענטפערט, און ס'האָט זיך אַנטוויקלט אַ לעבהאַפטער וויכוח, מיט היץ, מיט ברען... אָפּגעלערנט, דורכגערעדט זיך אַביסל, צעזעגנט זיך און אַרויסגעגאַנגען - איינציקווייז, שטילערהייט, ניט באַמערקבאַר...

מיך האָט דאָס - אָט־דער צוזאַמענטרעף - פאַרצויבערט און פאַר'כישופ'ט. מיין קינדערשע פאַנטאַזיע האָט דאָס צוגעצויגן מיט אַלע פעדעם פון מיין נשמה. אויף מיר האָט געמאַכט אַ גרויסן איינדרוק אַלץ, אַלץ וואָס איך האָב דאָרט געזען: די אָרעמקייט פון שטוב, די פריינטלעכע באַציאונג פון איינעם צום צווייטן, די שטאָלצע, זיכערע רייד זייערע. איך האָב געפילט: זיי זיינען זיכער אין זיך און זיכער אין זייער וועלט־אָנשויאונג. עס האָט מיך באַווירקט דער עצם־פריילעכער, לעבהאַפטיקער לערנען, די פולע ליבע צו מיין טאַטן און צו מיר, און צום סוף, די קאָנספּיראַטיווע זייט פון דעם צוזאַמענקלייבן זיך, די געהיימניספולע סודות'דיקייט און באַהעלטעניש.

*   *   *

מער איז מיר ניט אויסגעקומען צו באַגעגענען זיך מיט זיי. איינציקע מאָנאַטן נאָכדעם ווי מ'האָט דעם טאַטן צוגענומען, איז צו אונז געקומען צו פאָרן פון דער פּראָווינץ דער פעטער ר' משה - דער מאַן פון דעם טאַטנס שוועסטער. אַ איד אַ שלאַנקער, אַ הויכער, אַ דאַרער, אַ ביינענדיקער, מיט אַ קליין, שיטער בערדל. שוין דאַן אין די עלטערע יאָרן, איז ער נאָך אַלץ געווען געווען קרעפּטיק

און רירעוודיק. אין זיין גאַנג, אין זיינע באַוועגונגען האָט זיך געפילט געזונט און זיכערקייט... נאָך אייניקע שמועסן מיט דער מאַמען איז געקומען דער באַשלוס: איך פאָר מיטן פעטער אין זיין פראָווינץ־שטאָט.

טראַגיש איז געווען דער געזעגענען זיך. מיר אַלע דריי האָבן געוויינט: די מאַמע הויך אויפן קול, דער פעטער האָט געווישט די אויגן, און אויך איך האָב אויסגעשריגן מיט אַ געוויין: "מאַמע, איך וויל ניט פאָרן, איך וויל זיין מיט דיר". - "ניין, מיין טייער קינד, וואָס פאַראַ תכלית וועט דאָ זיין פון דיר? ווער וועט מיט דיר לערנען? איך האָף צו ג־ט, אַז אין גיכן וועט קומען דער טאַטע, איך דו וועסט קומען, און מיר אַלע וועלן אָנהויבן לעבן ווי געווען". נאָך אַמאָל צעקושט זיך און צעזעגנט זיך. דער פעטער האָט אַ קוש געטאָן די מזוזה און אויך מיר האָט ער אויפגעהויבן צו געבן אַ קוש. מיר זיינען אַרויס פון שטוב. די מאַמע האָט אונז באַגלייט ביז דעם צוג. מיר זיינען אַריין אין וואַגאָן, די מאַשין האָט אַ פייף געטאָן, דער צוג האָט זיך אַ ריר געטאָן. מיר פאָרן... איך גיב אַ קוק דורכן פענסטער: די מאַמע שטייט אויף דער פּלאַטפאָרמע מיט פאַנאַנדערגענומענע, אויסגעשטרעקטע הענט, ווי איינער וואָלט זאָגן: "וואָס האָב איך דאָ אָפּגעטאָן? די איינציקע אויג פון קאָפּ, די איינציקע טרייסט מיינע אַוועקגעשיקט אין דער פרעמד!"

ביים פעטער האָט זיך מיר געלעבט ניט שלעכט. די מומע איז געווען אַן עלטערע אידענע, אַ נידעריקע, אַ קליינינקע. אין געזיכט איז זי געווען ענלעך צום טאַטן. איך פלעג האָלט האָבן אַריינצוקוקן איר טיף אין די אויגן. איך פלעג דאָרטן דערזען - דעם טאַטן... קיין קינדער איז ביי זיי ניט געווען, האָט זי איר גאַנצע מוטערלעכע ליבע און צערטלעכקייט אָפּגעגעבן צו מיר, און געקליבן נחת ווען איך פלעג אַרויסנעמען דעם חומש און אָנהויבן חזר'ן.

דער פעטער אַליין איז געווען אַ גאַנצן טאָג באַשעפטיקט. ער איז געווען אַן אַרבעטער, אַ סטאָליער; ער פלעגט מאַכן ראַמען צו פענסטער. דעם מאַטעריאַל האָט ער גענומען פון אַן "אַרטיעל", און געאַרבעט האָט ער אין דער היים. אַזוי ווי ער איז געווען אַ גוטער, קוואַליפיצירטער פאַכמאַן, האָט ער גאַנץ גוט פאַרדינט און ניט שלעכט געלעבט. און דאָך האָט זיך געפילט אין אים אַן אומצופרידנקייט. זיין לעבן איז עפּעס געווען אַ פאַרביטערטער, אַ פאַרגאַלטער... אַ ברוגז'ער. אויף וועמען? אויף דער גאַנצער וועלט.


הודפס מאתר אוצר החכמה

איבערהויפט ווען ער פלעגט זיך שטעלן דאַוונען, פאַרשפאַרן די טיר און אָנטאָן דעם טלית און תפילין, און גלייך האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר אַ שכנה אָדער עמעצער אַנדערש. אויף גיך האָט ער אויסגעטאָן דעם טלית און תפילין, באַהאַלטן אונטערן קישן און אַריינגעלאָזט דעם אָנקלאַפּער. "ווערלכע שדים" - פלעגט ער זיך דערנאָך צעשרייען - "טראָגן זיך אָן? און ווי אויף צו להכעיס - אַקוראַט ווען מ'שטעלט זיך דאַוונען!"

איך געדענק אַ שבת צו נאַכט: מיר האָבן אין דער היים מקבל שבת געווען, און אָפּגעדאַוונט מעריב, דער פעטער האָט געמאַכט קידוש און מיר האָבן זיך געזעצט צום שבת־טיש. איך זע: דער פעטער איז שוין צעטראָגן, ביי אים הויבן שוין אָן צו שפּילן די דאַרע ביינדלעך אין די באַקן. איך האָב שוין געוואוסט, אַז דאָס איז אַ סימן אַז ער איז שטאַרק אויפגערעגט. "זאָג מיר, וואָס איז דאָס פאַראַ לעבן?" - האָט ער אָנגעהויבן טענה'ן. איך האָב ניט פאַרשטאַנען פאַר וועמען ער טענה'ט, פאַר דעם רבונו־של־עולם, צי פאַר דער מומע דבורה, צי אפשר גאָר פאַר זיך אַליין. "וואָס איז דאָס פאַראַ לעבן? דאָס הייסט דען געלעבט? דאָס ניט, עפּעס אַנדערש ניט, אין שול גיין איז אַ מורא, דאַוונען אין דער היים איז אַ מורא, דער מלמד האָט מורא, דער שוחט האָט מורא, זאָל דאָס ווערן..." און ער האָט אויסגעשפּיגן אויפן דיל: "איך זאָג דיר, ס'איז אויס וועלט. די שענסטע מענטשן, די בעסטע אידן האָט מען ביי אונז צוגענומען!" - דערביי האָט ער אַ קוק געטאָן אויף מיר - "ווי קען מען לעבן אין אַזאַ וועלט?"

"שאַ, שאַ, ערגער זיך ניט" - האָט די מומע געפּרואווט אים באַרויקן. "דער רבש"ע איז אַ גוטער, ער וועט רחמנות האָבן און ס'וועט אַלץ זיין גוט".

"דו פאַרשטייסט?" האָט דער פעטער ווייטער גע'טענה'ט, ווי ער וואָלט ניט געהערט וואָס זי רעדט. "נעכטן האָט מען אונז, אַלע מיטגלידער פון אַרטיעל, צוזאַמענגערופן אין קלוב - אַ פאַרזאַמלונג הייסט דאָס. ס'איז געקומען דער תכשיט - דו ווייסט דאָך ווער, נו: בערעלע דער ימח־שמו'ניק, און האָלט פאַר אונז אַ דרשה - אַ רעפעראַט הייסט דאָס: אַזוי און אַזוי: וויבאַלד אַז עס קומט אָן דער פריילעכער אידישער יום־טוב פסח, דער יום־טוב פון פרייהייט, אַזוי רופט ער אים אָן דעם פסח... בכן לייגט ער פאָר אַז מיר זאָלן אָפּריכטן דעם "סדר" - קאָלעקטיוו... ד.ה. מיר זאָלן זיך אַלע צוזאַמענקלייבן, מיט די ווייבער און קינדער, אַהער אין קלוב; ס'וועט זיין אַ קאָנצערט, מיט מוזיק און טענץ, און


הודפס מאתר אוצר החכמה

מ'וועט אונז דאָ געבן צו פאַרשטיין און אויפקלערן די באַדייטונג פון פסח אין דעם אידישן לעבן - און אַז די אַלע דינים פון פסח: עסן מצה, מרור אד"ג, דאָס אַלץ איז אַ פּראָדוקט און ירושה פון דער בורזשואַזער, רעליגיעזער וועלט: "זיי, זיי, די בורזשואַזיע און רעליגיע האָבן דאָס אונז פאַרנאַרט און איינגערעדט צוליב זייערע אייגענע צוועקן..." דערביי האָט ער צוגעזאַלצן זיין דרשה, מיט אַזוינע שטעך־ווערטלעך קעגן אונזער הייליקער תורה, אויסגעלאַכט זי קאָמיש. דו פאַרשטייסט? מיט אַלץ האָבן זיי שוין פאַרענדיקט: מיטן רב, מיטן שוחט, מיט די שולן, מיט דער מקוה, מיט די כשר'ע פלייש. עס פאַרדריסט זיי, הלמאַי זיינען נאָך דאָ פאַראַן אידן וועלכע היטן אָפּ דעם פסח - דאַרפן זיי אויך דאָס צעברעכן. און גלאַט, דער שידוך, ווי ער איז דאָס מזווג זווגים: 'די בורזשואַזיע מיט דער רעליגיע'... ווי געפעלט דאָס דיר די פּאָר? קענסט מיר ניט זאָגן: וויפל די בורזשואַזיע אונזערע האָט געשטיצט און אונטערגעהאַלטן די רעליגיע. און צוריק, וויפל אונזער רעליגיע, די הייליקע תורה, האָט געשאַנעוועט און נאָכגעגעבן דער בורזשואַזיע...

"גלויב מיר, איך האָב זיך קוים, מיט אַלע כחות איינגעהאַלטן; מיר האָט זיך געוואָלט אים זאָגן, אַז ער זאָל פאַרמאַכן זיין מויל און זאָל שוין אַנטשוויגן ווערן; איך האָב אים געוואָלט דערמאָנען דעם גאַנצן יחוס זיינעם: אַז גאָר ניט לאַנג, מיט אַ יאָר פופצן צוריק, איז ער געווען אַזאַ הייסער, פאַרברענטער ציוניסט! אַי, דאָס איז געווען אין אַן אַנדער שטאָט - איז וואָס איז דער אונטערשייד? ווי בייט מען זיך אַזוי, ווי טאַנצט מען דאָס אויף צוויי חתונות? קענסט זיך פאָרשטעלן וואָס מיט אים וואָלט שוין געוואָרן. ס'וואָלט שוין געווען 'אַ גוטן טאָג'... ער וואָלט שוין געהאַט אייביק קעסט, צום וויניקסטן אויף צען יאָר... און איך? וואָס האָב איך מורא? איך בין אַ כשר'ער אַרבעטער, אַן אַרבעטער בן אַרבעטער. עדות אויף דעם קענען זאָגן מיינעביידע מאָזאָלישע הענט. איך האָב געאַרבעט, איך אַרבעט איצט און איך וועל מיט ג־ט'ס הילף אַרבעטן ווייטער. איך האָב זיך קוים איינגעהאַלטן, דו ווייסט פאַרוואָס? ווייל איך האָב רחמנות אויף זיין טאַטן. דער טאַטע זיינער, איז דאָך אַזאַ שיינער, אַזאַ טייערער איד, ווייט צו זוכן; און ער האָט געבעך אַזויפיל צרות, אַזויפיל יסורים פון אָט־דעם תכשיט, פון אָט־דעם בן יחיד, פון אָט־דעם פרי..."

* * *

דער פעטער האָט זיך אַ ווײַלע אָפּגערוט און אָנגעהויבן ווייטער:

"דו פרעגסט, מיט וואָס האָט זיך פאַרענדיקט די פאַרזאַמלונג וועגן פסח? וואָס פאַרשטייסטו ניט, אַז "עולם" איז דאָך אַ "גולם", און איך אויך בתוכם. ווען דער תכשיט האָט געענדיקט זיין דרשה, האָבן אַלע, נישט ווילנדיק, אויפגעהויבן די הענט, ד.ה. אַז אַלע זיינען איינשטימיק, און דער פאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרן..."

דאָ האָט דער פעטער אַ טיפן זיפץ געגעבן און איז אַנטשוויגן געוואָרן און מער קיין וואָרט ניט גערעדט.

נאָך דער סעודה האָט דער פעטער פאָרגעלייגט, אַז איך זאָל גיין שלאָפן מיט אים. קענטיק אַז ער האָט געפילט זיך שולדיק קעגן מיר, מיט דעם וואָס ער האָט צעשטערט - מיט זיינע אויפגערעגטע רייד - מיין קינדערשע שטענדיק־געהויבענע און פריילעכע שטימונג צו סעודת שבת, און ער האָט מיך געוואָלט איבערבעטן. ער האָט געוווסט, אַז דאָס שלאָפן מיט אים צוזאַמען איז פאַר מיר אַ באַפרידיקונג. ער האָט מיך אַליין גענומען אין בעט, געגעבן מיר עפל, זיך געשפילט מיט מיר, געבעטן איך זאָל אים דערציילן די מעשיות וואָס איך האָב געלערנט אין חומש, און וואָס עס זאָגט רש"י אויף דערויף. אַזוי אַרום בין איך איינגעשלאָפן אַ רואיקער, אַ צופרידענער.

אַזעלכע מאָמענטן - פון אויפרעגונג און וועלן אויסריידן זיך - פלעגן טרעפןביים פעטער זעלטן. אין אַלגעמיין איז ער געווען אַ איד אַ שווייגער, אַן איינגעשלאָסענער אין זיך. זייער אַ סך שעות אין טאָג האָט ער געאַרבעט און אין דער ליידיקער צייט פלעגט ער זאָגן תהלים, אַריינקוקן אין די הייליקע ספרים מיט עברי־טייטש, אָדער צוגיין צו מיר, בעטן איך זאָל זאָגן פאַר אים הויך אויפן קול דאָס וואָס איך לערן, און ער פלעגט מיך האַלטן פאַר אַ הענטל און זיך צוהערן.

נאָר צייטנווייז, קענטיק, אונטערן דרוק פון די אויסערלעכע אומשטענדן וועלכע פלעגן אים דריקן אויפן האַרצן, און ניט האָבנדיק מער קיין כוח איינצוהאַלטן זיך - פלעגט ער אויסשיסן ווי אַ ווּולקאַן, ריידן און טענה'ן גלאַט אין דער וועלט אַריין, אַן־און־פאַר־זיך, שרייען און מאַכן מיט די הענט. אין דעם פלעגט ער אויסריידן זיין גאַנצע האַרץ, זיין גאַנצן צאָרן. דאַן פלעגט


הודפס מאתר אוצר החכמה

ער זיך באַרואיקן און ווייטער אַנטשוויגן ווערן אויף אַ לאַנגער צייט.

איך האָב זיך צוגעוואוינט צום פעטערס אויסשרייען זיך. מיך האָט עס אויפגעהערט צו שרעקן, אדרבה, דאָס האָט מיך צוגעצויגן. איך פלעג האָלט האָבן צו זיצן און אויסהערן זיינע "מאָנאָלאָגן"; איך האָב געוואָלט ער זאָל ריידן נאָך און נאָך... ביי מיר איז געוואָרן ריינער מיין באַגריף, מיין פאַנטאַזיע, עס האָבן זיך פאַר מיר אָפגעעפנט נייע וועלטן, נייע האָריזאָנטן...

און מערקווירדיק: איך ווייס ניט ווי אַזוי, נאָר איך האָב געפילט, אַז מיט יעדן מאָל וואָס איך הער דעם פעטער ריידנדיק, ווער איך צוגעצויגן - אין די געדאַנקען - צו מיין טאַטן אַלץ נעענטער און נעענטער; דעם טאַטנס פערזענלעכקייט ווערט אין מיינע אויגן אַלץ ליבער און טייערער...

מעגלעך אַז דאָס איז געווען אַזוי ווייל איך האָב געפילט אין דעם פעטערס איינפאַכע, פרימיטיווע רייד פון אַ פשוט'ן וואָרעמען אידן - אַ המשך, אַ פאָרזעצונג פון דעם טאַטנס הויכע אומפאַרשטענדלעכע ווערטער; דאָס איז פאַר מיר געווען אַ סאָרט קאָמענטאַר, אַן אויסטייטשונג...

דער פעטער האָט פאַר מיר געדונקען אַ רבי'ן - "ר' אשר דער מלמד". ער איז עס געבליבן דער איינציקער, פון די פערציק־פופציק מלמדים וועלכע זיינען אין די פריערדיקע יאָרן געווען אין אָט־דער פראָווינציעלער שטאָט. זיי אַלע, די איבעריקע מלמדים, האָבן זיך סאַבאָטאַזשירט... איינציקווייז זיך אַרויסגערוקט פון זייער פראָפעסיע, און נאָר ער איינער איז פאַרבליבן אויף זיין אַמט, אויף זיין מלמדות. דער פעטער האָט אים געצאָלט אַ הויכן "שכר לימוד" און יעדער מאָל וואָס ער פלעגט מיך ברענגען אין חדר פלעגט ער מיט אים, מיטן מלמד, אַריינ'טענה'ן: "געדענקט ר' אָשר, איר זאָלט אין אים אַריינזעצן וואָס מער תורה. איר ווייסט דאָך אַז דאָס אינגל איז ניט אַבי־ווער; דאָס איז דאָך שמואל'ס אַ קינד! שמואל איז דאָך, דוכט מיר, געוואן אייער חבר יונגערהייט, מיר האָפן דאָך צו ג־ט אַז שמואל וועט אַהיים קומען, און אַז ער וועט זיין זון פאַרהערן און ער וועט ניט וויסן - אַי וועט עס זיין ניט שיין..."

איך האָב ביים פעטער געלעבט אַ יאָר פינף. דאָרט האָב איך זיך באַקענט מיט נאָך אייניקע חברים פון מיין גלייכן, ד.ה. אינגלעך פון טאַטעס מיט אַזאַ טרויעריקער ביאָגראַפיע ווי מיין טאַטנס... מיר האָבן זיך געהאַלטן אינאיינעם,

כתבי אברהם אליהו / פלאטקין, אברהם אליהו {עמוד 293} (128694) הודפס מאתר אוצר החכמה

און אָפּגעזונדערט פון די איבעריקע קינדער פון שטאָט, פון דער גאַנצע "כאַליאַסטרע" קינדער, די "ווייסע" חברה־לייט, וועלכע פלעגן אונז נאָכיאָגן און פאַרפּאָלגן. ווען מיר פלעגן זיך מיט זיי באַגעגענען אין גאַס, פלעגן זיי אונז באַפאַלן, שלאָגן און וואַרפן אויף אונז שטיינער, מיט אַן אויסגעשריי: "אַי, אַי, רעוועלעך, פאות'לעך". דאָס אַלץ האָט אונז מער פאַראייניקט צווישן זיך און אויסגעשליפט ביי אונז אַ געמיינזאַמע געשלאָסנקייט.

אין "חדר" ביים רבי'ן, האָבן מיר ניט געלערנט אַלע צוזאַמען אין איין צייט, ווי מ'איז בכלל געוואוינט צו פאַרשטיין אונטער דעם וואָרט "חדר". איצט איז דאָס געווען אוממעגלעך; אַזאַ זאַך האָט געקענט דערוועקן אַ פאַרדאַכט פון אַ זייטיק אויג... מיר האָבן געלערנט באַזונדער, אין קליינע גרופן, פון ניט מער ווי צוויי דריי אינגלעך. נאָר דאָך פלעגן מיר זיך גאַנץ אָפט צוזאַמענטרעפן אַלע אינאיינעם אין אַן אָרט וואו מיר פלעגן שפּילן, שטיפן און פאַרברענגען די צייט.

איינמאָל אין יאָר פלעג איך, צוזאַמען מיטן פעטער, פאָרן באַזוכן די מוטער. די עטלעכע טעג פון אונזערע באַזוכן, פלעגט זי ניט אָפּטרעטן פון מיר אויף איין מינוט, זי האָט מיר אַרומגענומען, געגלעט און געקושט, און צוויי שטראָמען טרערן זיינען געפלאָסן פון אירע אויגן אָן אויפהער... אין אָפּוועזנהייט פון פעטער, פלעגט זי מיר אויספרעגן, ווי ס'איז צו מיר די באַציאונג פון דעם פעטער, פון דער מומען. וועגן טאַטן האָט זי מיט מיר קיינמאָל ניט גערעדט... נאָר ביינאַכט, אין שלאָף, פלעג איך הערן אירע טיפע זיפצן און קרעכצן, וואָס פלעגט צערייסן מיין קינדערישע הערצעלע אויף שטיקלעך. מאַטעריעל האָט זי קענטיק געלעבט ניט שלעכט; גוטע פריינט דעם טאַטנס פלעגן אויף איר אַכטונג געבן און זי שטיצן, און דאָך האָב איך באַמערקט, אַז מיט יעדער יאָר ווערט זי עלטער ניט אויף איין יאָר, נאָר אויף גאַנצע צען. זי איז עפּעס געוואָרן נידעריקער: אַ קליינינקע, איינגעבויגענע און אַלטיטשע אידענע. די האָר אויפן קאָפּ זיינען שוין געווען מער ווייס ווי שוואַרץ. אַרום די אויגן, אַרום מויל האָבן זיך באַוויזן אַפּולע קאָרטשינעס. אין אַלגעמיין האָט זי געהאַט דעם אויסזען פון אַ זקנה.

יעדער באַזוך האָט אויף מיר געמאַכט אַ שווערן איינדרוק. איך פלעג אַוועקפאָרן פון איר אַ צעבראָכענער, אַ נידערשלאָגענער. נאָר קומענדיק


הודפס מאתר אוצר החכמה

צוריק צום פעטער, און באַגעגענדיק זיך ווייטער מיט מיינע חברים, פלעג איך צייטווייליק אַביסל פאַרגעסן אויף מיינע צרות.

*   *   *

איינמאָל זאָגט צו מיר דער פעטער: דו ווייסט שלומ'קע וואָס איך טראַכט: כ'רעכן אַוועקצופירן דיך לערנען אין אַ "ישיבה". דאָ איז פאַר דיר קיין אָרט ניט מער צו לערנען. די חברים זיינען ניט דיין גלייכן. דאָרט אין דער "ישיבה", האָף איך צו ג־ט, וועסטו אויסוואַקסן אַ גרויסער למדן... און ניט קיין סך געטראַכט, האָט ער איינמאָל אין אַ פרימאָרגן, מיך גענומען און אַוועקגעפירט מיטן צוג אין אַן אַנדער פראָווינציעלער שטאָט. דאָרט האָב איך געפונען ביי אַ דרייסיק אינגלעך און אויך עלטערע בחורים'לעך. דער "ראש ישיבה" איז געווען אַ גרויסער אויטאָריטעט אין דער רבנישער וועלט, און אַן ערשטקלאַסיקער למדן. דעם "שיעור" איז אים ניט אויסגעקומען זאָגן רעגוליאַרנע, טאָג־טעגלעך, ווייל נאָכדעם ווי ער פלעגט אָפזאָגן אַ דריי־פיר טעג דעם "שיעור" אין איין הויז, האָט מען שוין געמוזט, אומבאַדינגט, בייטן דעם אָרט, דאָס הויז, אויף אַ צווייטן... און דערווייל - אין דער צווישן־צייט - זיינען אַ סך טעג געגאַנגען פאַרלאָרן. אויך די שטעט האָבן מיר געמוזט בייטן... צום העכסטן אַ יאָר אין אַ שטאָט - און מ'מוז שוין פאָרן זוכן אַן אַנדער מקום מנוחה...

און אַזוי, אונטערוועגנס, און אין אַלערליי שווערע אויסערלעכע באַדינגונגען, האָבן מיר דורכגעמאַכט דעם קורס פון לערנען. מיר זיינען געפאָרן און געלערנט, געלערנט און געפאָרן... און דאָך, קען איך מיט שטאָלץ זאָגן, אַז מיר אַלע - די תלמידים, יעדערער לויט זיינע אייגנשאַפטן און פייאיקייטן - האָבן דאָרט געקראָגן אַן אַלזייטיקן, ברייטן און טיפן וויסן אין דעם ים התלמוד.

דערצו האָט מען אונז אין דער "ישיבה" איבערגעגעבן און מיט אונז געלערנט די עיקרים, די יסודות, די דאָגמעס און די ליכטיקע הייליקע אמת'ן פון "תורת הבעש"ט זצוקללה"ה", לויט די ביאורים און אויסטייטשונגען פון תורת החב"ד, וועלכע מאַכט דאָס פאַר אונז באַגרייפבאַר מיט אירע רייכע, גייסטיקע פאָרמען פון שכל און פאַרשטאַנד.

דאָס לערנען חסידות האָט אונז געגעבן אַ נייעם לעבנס־אינהאַלט, אַן


הודפס מאתר אוצר החכמה

אַנדער וועלט־אַנשויאונג, אַ וועלט אַ הערלעכע, אַ פּראַכטפולע, אַ ג־טלעכע... מיר האָבן אָנגעהויבן פאַרשטיין און קוקן אַנדערש - מיט אַנדערע אויגן - אויף דער גאַנצער וועלט, אויף די מענטשן אַרום זיך, און אויף זיך זעלבסט... אונזערע איבערצייגונגען זיינען געוואָרן פעסטע, זיכערע און ריינע אַקסיאָמעס, אָן קיין שום וואַקלונגען. דאָס גיט אונז צו: מוט, שטאָלץ און אויסהאַלט־קראַפט אין אַלע צייטן, און אונטער אַלע שווערע לעבנסבאַדינגונגען.

דער דראַנג צו לערנען איז ביי אונז - ביי אַלע תלמידים - געווען אומגעהויער גרויס... אָן קיין שום צוואַנגס־מיטלען - וועלכע מ'איז געוויינטלעך געניגט אויסצונוצן ביים דערציען קינדער - האָבן מיר זיך זעלבסטשטענדיק, דאָרשטיק, זיך געריסן צום לערנען. די סיבות, די מאָטיוון דערצו, דאַרף מען זוכן אין די פסיכאָלאָגישע שטריכן פון דער נשמה - וואָס ניט דאָ איז דער אָרט צו ריידן וועגן דעם. אַן אינערלעכע קראַפט האָט אונז באַהערשט און געטריבן, אַז מיר זאָלן וואָס גיכער, וואָס שנעלער אַריינגעמען אין זיך די וויסנשאַפט פון דער תורה; וואָס ברייטער און וואָס טיפער אַריינדרינגען אין אירע טיפע באַהעלטענישן, און אויסצושעפן אירע סודות.

*　*　*

אַזוי אַרום, איז מיר היינט שוין צוואַנציק יאָר; איך בין שוין אַ פולקאָם־ערוואַקסענער, זעלבסטשטענדיקער מענטש. ווען איך גיב אַ קוק אויף מיין פאַרגאַנגענהייט, אויף מיין דערציאונג און אַנטוויקלונג - בין איך העכסט צופרידן פון זיך אַליין, איך פיל זיך גליקלעך מיט דעם, וואָס איך בין אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף דעם אמת'ן וועג, אין דער גלייכער ריכטונג - אַזאַ ריכטונג וועלכע גיט מיר אַן אָפענעם ענטפער, און אַ קלאָרן באַשייד און לייזונג צו אַלע שווערע וועלט־פּראָבלעמען; אַזאַ ריכטונג, וועלכע גיט מיר צו אַ הייליקן, ג־טלעכן זין און אינהאַלט צו מיין לעבן, און ס'הויבט מיר אויף אין מיינע אויגן - מיך, און צוזאַמען מיט מיר אַלע אידן וועלכע לעבן אין קאָנטאַקט, לויט די פּרינציפּן און אָנווייזונגען פון דער תורה הקדושה; עס הויבט מיך אויף צו אַזאַ הויך, וואו דער טאָג־טעגלעכער וואָכעדיקער לעבן, מיט אַלע זיינע אומאָנגענעמלעכקייטן און שוועריקייטן, ווערן אָן אין מיינע אויגן, זייער ווערן און זייער האַרבקייט... פון אויבן־אַראָפּ, זעען אויס אַלע זאַכן - ווי קליינִיקייטן...

איר קענט מיך אָנרופן עגאָאיסט, "אתה בחרתנו'ניק" און נאָך אַזעלכע שיינע ווערטער - אָבער איך שעם זיך ניט דערמיט, איך נעם דאָס אויף פאַר אַ גוטער מטבע... און איך קען טאַקע מיט שטאָלץ זאָגן: אַז מיר צוזאַמען מיט אונזער הייליקער תורה שטייען טאַקע אַ סך העכער - אין גייסטיקן, מאָראַלישן זין - פון אַלע אַנדערע, און דערום פיל איך זיך מיט דעם גליקלעך...

און ווי אַ צוגאָב צו מיין צופרידנקייט איז אויך דאָס, וואָס איך דערמאָן זיך, אַז מיט מיין האַלטונג און שטעלונג אין לעבן, בין איך מיט דעם ענג־פאַרבונדן מיט מיין טאַטן... איך ווייס, איך פאַרשטיי דאָס גאַנץ גוט, אַז צו זען מיין טאַטן איז אויסגעשלאָסן... קיין שום פאַרבינדונגען קען איך שוין מיט אים מער ניט האָבן: ניט דורך פאָסט, ניט טעלעגראַפיש, ניט טעלעפאָניש, אַפילו ניט דורך ראַדיאָ... אָבער דאָ האָב איך געפונען אַן אינערלעכע, נשמה'דיקע פאַרבינדונג... מיט דעם וואָס איך פיל אַז איך בין נאָענט מיט אים, פונקט אַזוי ווי ער איז נאָענט מיט מיר... מיט דעם וואָס איך ווייס, אַז ער וואָלט פון מיר ניט האָבן קיין פאַרדרוס... און דאָס איז מיר אַ היילונג צו אַלע מיינע ניט פאַרהיילטע וואונדן...

מיר געדענקט זיך נאָך גאַנץ גוט די לעצטע הייליקע ווערטער פון מיין טאַטן, פאַר זיין אָפשייד: "זע, מיין קינד, מיין טייערער קינד, זאָלסט זיין אַ פרומער איד". אָט־די קורצע ווערטער, דורך וועלכע ער האָט געוואָלט מיר איבערגעבן זיין גאַנצן אינדיווידועלן "איך", זיין גאַנצע "ירושה", ווייל ער האָט געפילט אַז דאָס איז דער העכסטער גליק - אָט־די ווערטער זיינען ביי מיר אויסגעקריצט טיף, טיף אין האַרצן און זיי זיינען פאַר מיר אַ ליכט־זייל אויף מיין גאַנצן לעבנס־וועג; מיין טאַטנס לעצטן, ברענענדיקן קוש, פיל איך נאָך ביזן היינטיקן טאָג, און ווי אַ פייערדיקער שטאַמפ ברענט ער, און ער זידט שטענדיק מיר אויפן שטערן, און קען ניט ווערן אויסגעלאָשן אָדער אָפגעמעקט...

אַך, ווי מיר ווילט זיך, כאַטיאַ, נאָך איינמאָל זען זיך מיט דעם טאַטן, דורכריידן זיך מיט אים; אַך, ווי מיר ווילט זיך, שטערבלעך, אָפריכטן נאָכן טאַטן יאָרצייט און זאָגן "קדיש" - נאָר צו מיין גרויס באַדויערן, קען איך אָט־דעם "פאַרגעניגן" אויך ניט האָבן... איך האָב וועגן דעם גערעדט מיט אַ סך רבנים און פון אַלעמען איז געווען איין־און־דער זעלבער ענטפער - דאָס וואָס


הודפס מאתר אוצר החכמה

איך האָב אַליין אויך געוואוסט - אַז לויטן דין, איז כל־זמן ס'איז אוצר החכמה ניטאָ קיין גענויע ידיעה, אַזאַ לויט וועלכער די מוטער זאָל מעגן חתונה האָבן - טאָר איך ניט זאָגן קיין "קדיש".

זינט דער טאַטע איז ניטאָ האָט מען מיך אָנגעהויבן רופן "דער לעבעדיקער יתום". איך האָב אַלס קינד ניט געקענט פאַרשטיין, וואָס הייסט? און אַלע יתומים זיינען ניט לעבעדיק? אָבער איצט פאַרשטיי איך שוין: איך בין טאַקע אַן אויסנאַם־יתום, אַזאַ טראַגישער יתום ווי איך - איז ווייט צו זוכן... קיין טאַטן האָב איך ניט, אָבער אָפּזאָגן אַמאָל אַ "קדיש", אויסוויינען זיך, אויסקילן מיין האַרץ, טאָר איך אויך ניט...

איך פאַרשטיי גאַנץ גוט, אַז דער טאַטע נ"ע נויטיקט זיך ניט אין מיין "קדיש". איך הויב שוין אָן צו באַגרייפן ווער מיין פאָטער איז געוועזן: אַ מאַרטירער, אַן אָפּפער, אַ הייליקער קרבן פאַר זיינע הייליקע, רעליגיעזע איבערצייגונגען. נאָר דאָך ווילט זיך מיר, דאָס איז מיין גרעסטער וואונטש: אַוועקשטעלן זיך פאַרן "עמוד", זיין אַ "שליח־צבור", און אויסשרייען אין נאָמען פון כלל ישראל, אַז: "יתגדל ויתקדש שמי' רבא"!!! זאָל גרויס ווערן און הייליק ווערן ג־ט'ס גרויסער נאָמען; זאָל יעדער טאַט פון זעלבסט־אָפּפער פון אַ אידן ניט אַוועק אומזיסט; זאָל די "מסירת־נפש" פון די טאַטעס דורכרייסן די געדיכטע, פינסטערע כמאַרעס, און זאָל אַרויסשיינען די גרויסע, ליכטיקע זון מיט איר גאַנצער פראַכט און הערליכקייט איבער גאָר דער וועלט. אוצר החכמה


הודפס מאתר אוצר החכמה